השלמה משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך וויען

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

פרשת שלח שנת תשפ"ג לפ"ק

### במסיבת חומש סעודה לילדי התלמוד תורה במאנסי

יום א' פרשת שלח תשפ"ג לפ"ק

**מען** זיצט ביי א חומש סעודה, מען הייבט אן צו לערנען מיט די קינדער פרשת ויקרא, די פרשה פון קרבנות, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים. ריינע נשמות, ריינע ליכטיגע קינדער, האבן אנגעהויבן צו לערנען תורה בטהרה, און זיי לערנען די פרשה פון קרבנות. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז זיי זאלן קענען בלייבן מיט די טהרה וואס זיי האבן יעצט, מען זאל זיי קענען ווייטער ערציען, זיי זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים און ערליכע יודען. - עס פארלאנגט זיך אסאך קרבנות פון די שטוב, ביז מען וועט צוקומען דערצו, אז זיי זאלן אויסוואקסן. וועגן דעם הייבן זיי אן מיט די פרשה פון קרבנות, זיי זענען טהורים, און מען דארף קרבנות, כדי אז מען זאל זיי קענען ווייטער אנהאלטן מיט די טהרה וואס זיי האבן.

**די** וואך אין די פרשה איז די פרשה פון די מרגלים. משה רבינו האט געשיקט מרגלים זיי זאלן אויסשפיאנירן ארץ ישראל, און זיי זענען צוריקגעקומען, און זיי האבן געברענגט א זמורה, מיט א אשכול ענבים אחד, (במדבר יג-כג). זיי האבן געברענגט א צווייג פון טרויבן, און זיי האבן געוואלט ווייזן ווי אזוי די פירות פון ארץ ישראל זעהן אויס. די טרויבן זענען געווען גאר גרויסע פירות, האבן זיי געברענגט א אשכול ענבים, צו ווייזן די פירות פון ארץ ישראל.

**אז** מען האט ברענגט א אשכול ענבים, דאס קען מען פארשטיין. אבער זיי האבן אויך מיטגעברענגט א זמורה, די צווייג פון וואס עס איז געוואקסן דער אשכול ענבים, האבן זיי אויך מיט געברענגט. וואס איז דער צווייג? זיי האבן געקענט ברענגען טרויבן וואס מען לייגט אויפן טיש. ביי די רמונים האבן זיי נישט געברענגט קיין זמורה מיט די רמונים, זיי האבן געברענגט נאר רמונים. פארוואס ביי די אשכול ענבים, האבן זיי געברענגט א זמורה מיט א אשכול ענבים.

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (קכח-ג), 'אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך', דיין ווייב איז כגפן פוריה, אזוי ווי א גפן וואס גיט ארויס פירות, 'בניך כשתילי זיתים', דיינע קינדער זענען אזוי ווי די פלאנצונגען פון זיתים, 'סביב לשלחנך', זיי זיצן ארום דיין טיש. זיי זענען

על הטוב יזכר
ידידינו מוה"ר **משה יעקב פשערהאפפער** הי"ו
אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים
לרגל הכנס בנו לעול התורה והמצות למזל טוב

על הטוב יזכר
ידידינו מוה"ר **שלמה ברוך בראדי** הי"ו
אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים
לרגל הכנס בנו לעול התורה והמצות למזל טוב

נישט אין דער פרעמד, זיי דרייען זיך נישט ארום אין אנדערע פלעצער. ער הייבט אן, די ווייב איז כגפן פוריה, אבער די קינדער זענען כשתילי זיתים.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז. אין די מפרשים שטייט, מען זעהט אז עס זענען דא פארשידענע ערלייביימער. עס איז דא ביימער וואס געבן אינגאנצען נישט ארויס קיין פירות, אילני סרק, זיי געבן ארויס בלעטער, אבער קיינער איז נישט נהנה פון די ביימער, נאר פון דעם צל וואס איז דא, אבער פירות געבן זיי נישט ארויס. נאכדעם איז דא ביימער וואס געבן ארויס פירות, און אין די פירות איז דא פארשידענע פירות. עס זענען דא חשוב'ע פירות, און פשוט'ע פירות. עס זענען דא פירות שנשתבחה בהן ארץ ישראל, שבעת המינים האט א עקסטערע חשיבות. וואס איז די חשוב'סטע פרי וואס איז דא פון אלע פירות? דאס איז דער גפן, טרויבן. אויף דעם האבן די חכמים מתקן געווען, אז מען מאכט א עקסטערע ברכה דערויף. ווען מען קוועטשט עס אויס, און מען מאכט דערפון וויין, נשתנה לעילוי, עס קומט א עקסטערע ברכה בורא פרי הגפן. עס איז נישט דא קיין שום משקה, וואס מען זאל מאכן א עקסטערע ברכה דערויף, דאנקען דעם אייבערשטען, ווי אויף די וויין וואס קומט ארויס פון די טרויבן. אין אומרים שירה אלא על היין (ברכות לה.), דו ווילסט זאגן שירה, מוז מען האבן יין דערצו. יין דאס איז דער סימבאל פון די חשוב'סטע פרי וואס איז דא.

**ווען** מען קוקט אבער אויף די בוים וואס גיט ארויס די געוויקסן. דער ליידיגער בוים וואקסט הויעך, גאר הויעך, ארזים, אבער עס גיט נישט ארויס קיין שום פירות, עס וואקסט פון זיך אליין. די אלע ביימער וואס געבן ארויס פירות, די אלע זענען קלענערע סארט ביימער, נישט קיין הויכע ביימער, נידריגע ביימער, זיי געבן ארויס זייערע פירות. פארוואס? ווייל די ביימער וואס געבן ארויס פירות, געבן אוועק זייער אייגענעם כח, וואס אנשטאט דעם וואס זיי זאלן וואקסן הויעך, געבן זיי אוועק זייער כח אין די פירות אריין, ארויסצוגעבן פירות. איז וועגן דעם אז מען גיט ארויס פירות, קענען זיי נישט וואקסן הויעך, ווייל ער גיט דאך אוועק זיין כח פאר די פירות. דער ליידיגער בוים, וואס ער גיט נישט ארויס קיין פירות, האלט פאר זיך די אלע כוחות, און ער וואקסט העכער. וועגן דעם איז א בוים פון פירות, א נידעריגער בוים.

**וואס** איז די שוואכסטע בוים פון אלע פירות? דאס איז דער גפן. די צווייגן פון וואס עס קומט ארויס די טרויבן, איז א דינע צווייגל, קוים ער האלט זיך. מען דארף עס אונטערלאנען מיט אנדערע העלצער, כדי עס זאל זיך קענען האלטן. ווייל בעצם איז ער זייער קליין. פארוואס איז ער אזוי שוואך? ווייל ער גיט אוועק אלע זיינע כוחות וואס ער האט, אריין אינעווייניג אין די פרי. וועגן דעם איז די פרי טאקע די חשוב'סטע פרי וואס איז דא, ווייל דער שטאם האט אריינגעגעבן אין די פרי אלע כוחות וואס ער האט, איז די פרי באמת אויסגעוואקסן דערפון א כלי תפארת, יין, און אלעס וואס קומט ארויס פון גפן. אבער די זמורים, די צווייג פון וואו עס איז ארויסגעקומען, איז געבליבן אן כח, אלעס האט ער אוועקגעגעבן פאר די פירות.

**און** דאס איז די חשיבות וואס ישראל זענען נמשלו לגפן (שמו"ר מד-א). אונז זעמיר נמשל כגפן. ביי אונז איז חינוך די חשוב'סטע זאך וואס אונז קען מיר האבן. אונזערע קינדער זענען די טייערסטע פארמעגן וואס מיר פארמאגן, און טאטע און מאמע געבן אוועק אלע כוחות וואס זיי האבן, כדי זיי זאלן קענען מגדל זיין ערליכע קינדער. מען קוקט נישט אויף קיין געלט, מען קוקט נישט אויף קיין שוועריקייטן, מיין קינד זאל אויסוואקסן א פרי תפארת. ישראל זענען נמשלו לגפן, ווייל א גפן גיט אריין אין די פרי, אלע כוחות וואס ער האט. און אזוי זענען יודען, אונז געב מיר אוועק אלע אונזערע כוחות, אז די פירות זאלן קענען אויסוואקסן.

**אוועקגעבן** אלעס פאר די פירות, מיינט נישט געלט. און עס מיינט נישט פארברענגען מיט די קינדער. עס איז דא אסאך זאכן אין יודישע שטובער וואס שטערט אז א קינד זאל קענען אויסוואקסן ערליך. און מען דארף אוועק קוקן דערויף, מען דארף אוועקגעבן פון אייגענע באקוועמליכקייטן, אפילו עס איז שווער. **אויף יעדע זאך דארף מען קוקן, וואס פאר א רושם וועט דאס מאכן אויף מיין קינד שפעטער. ווען מען דארף ערגעץ אוועק פארן, עס קומט זומער וכדומה, קוקט מען נישט קודם אויף זיך, און מען וועט שוין מסדר זיין די קינדער. מען קוקט וואס וועל איך טון מיט מיין קינד. וואו וועט ער זיין די וואך צווי וכדומה, קען איך אים מיטנעמען דארט ווי איך גיי, איז דאס א פלאץ וואס איז פאר אים, צו נישט. דאס איז טייטש אוועקגעבן פון זיך פאר די קינדער.** - דאס איז דער

חשיבות פון געבן! דער גפן גיט אוועק די אייגענע באקוועמליכקייט, די אייגענע כוחות, ווייל איך וויל אז די פרי זאל זיין גערעטן, עס זאל ארויסקומען דערפון ווי עס דארף צו זיין.

**אשתך** כגפן פוריה, ווען די בני בית, די טאטע און די מאמע, די מאמע גיט זיך איבער דאס מערסטע מיט די חינוך פון די קינדער. ווען זי איז כגפן פוריה, זי האט פאר זיך די מוסטער פון גפן, איך וויל מיין קינד זאל זיין די חשוב'סטע פרי, און איך בין גרייט אוועקצוגעבן פון מיר, כדי אז עס זאל קענען זיין א גפן פוריה, דעמאלטס איז מען זוכה, בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך, ווען די קינדער וועלן אויסוואקסן, וועלן זיי זיצן סביב לשלחנך, נישט זוכן זייערע גליקן אין פרעמדע פלעצער, נאר אין עולם התורה. די חשיבות וועט זיין צו זיצן מיט מיין טאטע און מיט מיין מאמע, מיט מיין זיידע און מיין באבע, מיין עלטער זיידע, דאס איז מיין פראכט. אבער צו דעם פארלאנגט זיך עס זאל זיין, אשתך כגפן פוריה. מען זאל וויסן, אז מען וויל אז עס זאל ארויסקומען א פרי, דארף מען אוועקגעבן די אייגענע כוחות. און דעמאלטס איז אומרים שירה על היין, אויף די פירות קען מען זאגן שפעטער שירה. ווען עס איז אשתך כגפן פוריה, ווען זי האלט ביי זיך, אז זי איז דומה צו א גפן, וואס גיט אלעס אוועק פון זיך פאר די פירות, איז בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך, דעמאלטס איז מען זוכה אז די קינדער וועלן זיין סביב לשלחנך.

**יודען** זענען געווען אין מדבר. אין מדבר איז געווען זייער גרינג מחנך צו זיין קינדער, אין מדבר איז נישט געווען קיין גוי, עס איז נישט געווען קיין שום זאך וואס איז היפך התורה, מען האט געגעסן מן, הייליגע מאכלים, לחם שמלאכי השרת אוכלים (יומא עה:), מען איז געווען ארומגענומען מיט ענני הכבוד, עס האט גארנישט געפעלט, עס איז אזוי גרינג געווען מחנך צו זיין קינדער. און מען איז טאקע אויסגעוואקסן, עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ג קסא.), אז אזא דור המדבר וועט נישט זיין ביז משיח וועט קומען. ווייל ווען מען לעבט אין א מדבר, און מען האט נישט פאר זיך צו זעהן ווי אזוי דער גוי פירט זיך, וואקסט מען אויס ערליך.

**מען** קומט יעצט אריין קיין ארץ ישראל, עס וועט זיך אלעס אויפהערן. מען גייט ארויס פונעם מדבר, מען גייט אריין אין א לאנד וואס איז פול מיט באפעלקערונג וואס וואוינען דארט, און מען הייבט אן צו זעהן אביסל מער וואס עס טוט זיך אינדרויסן, יעצט הייבט זיך אן די עבודה פון חינוך פאר קינדער. ווען מען וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, וועט זיין א שווערע עבודה מחנך צו זיין די קינדער ווי עס דארף צו זיין. ווייל ווען מען איז עקספאז"ט צו א וועלט, איז שווער דער חינוך שפעטער פאר די קינדער. האבן זיי מיטגעברענגט פאר די יודען א זמורה, און זיי האבן מיטגעברענגט א אשכול ענבים. קוק, מען קען ארויסגעבן פירות זאל זיין א פרי תפארת, אן אשכול ענבים, אבער געדענק דעם זמורה, געדענק אז די מאמע פון די פרי, די טאטע פון די פרי, די שטאם פון די פרי, מוז אבער אוועקגעבן פון זיך. אז מען גיט נישט אוועק פון זיך, דעמאלטס קען מען נישט אויסוואקסן א אשכול ענבים. זיי האבן נישט נאר געברענגט שיינע פירות אשכול ענבים, זיי האבן געברענגט דעם אשכול ענבים, קוק וואס פאר א שיינע פירות מען קען ארויסגעבן, אבער קוק וואס פארלאנגט זיך דערצו, זמורה, אז מען גיט אוועק אלע כוחות פאר די קינדער.

**ב"ה** מען זיצט ביי א חומש סעודה, די קינדער האבן אנגעהויבן יעצט אריינצוגיין אין לימוד התורה. איך וויל דא באדאנקען פאר דעם חשוב'ן מלמד רבי חיים מאיר [פאגעל], פאר זיינע שיינע פירות וואס ער האט אהערגעשטעלט. איך האב באוואונדערט ווי שיין יעדער איינער פון זיי האבן געזאגט. וויפיל כוחות און צייט עס האט געקאסט אריינצולייגן דאס אין די קינדער.

**די** תלמוד תורה לייגט אריין אסאך כוחות אין די קינדער, און מען מיינט אסאך מאל אז מען שיקט א קינד אין תלמוד תורה, דאס זענען מיינע שליחים, זיי וועלן שוין טון מיין ארבעט, חינוך באלאנגט נישט צו מיר, איך וועל אים געבן צו עסן און צו טרינקען, ער זאל האבן וואו צו שלאפן, רוחניות וועל איך אים שיקן אין חדר אריין, דער רבי וועט שוין מאכן מיט דעם קינד וואס מען דארף. ביי די אכצן יאר זאל מען אים צוריקגעגעבן א פארטיגע פרי. די תלמוד תורה איז נישט אונזערע 'שליחים', די תלמוד תורה איז אונזערע 'שותפים'. אונז זענען צוויי שותפים, די תלמוד תורה קען נישט אלעס געבן. די שטוב גיט אסאך צו, ווי אזוי א קינד פירט זיך. און אויב די שטוב איז נישט גרייט מקריב צו זיין פאר זיך, זאל מען נישט ערווארטן אז די תלמוד תורה זאל דאס קענען ערזעצן. מען דארף זיין

א זמורה, אוועקגעבן פון זיך, און דעמאלטס קען מען ארויסגעבן שיינע פירות.

**איז** נאר דא אזויפיל צו וואונטשן, אשתך כגפן פוריה, אונז זעמיר אלע פון גוטע שטובער, וואס אונז געב מיר אוועק אונזערע כוחות פאר אונזערע קינדער, זאל מען זוכה זיין, עס זאל זיין בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך, אז מען זאל קענען זעהן ביי זיי ווייטער אסאך נחת דקדושה. דער חשוב'ער מנהל, לייגט אריין אויסערגעווענליך אסאך כוחות, נישט נאר אין די קליינע קינדער, נאר אפילו ביי די גרעסערע קינדער, ער פירט די תלמוד תורה לשם ולתפארת. די הנהלה גשמיות וואס פירט די תלמוד תורה, זאל דער אייבערשטער געבן, ער זאל האבן אסאך הצלחה אין זיין עבודת הקודש. זיי געבן זיך אוועק וואס זיי קענען טון לתועלת צו די טובה פון די קינדער, זאל מען קענען ווייטער ערציען לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבה, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## בסעודת הברית של בן הר"ר משה ארי' גיידא הי"ו

יום ג' פרשת שלח תשפ"ג לפ"ק

**די** וואך אין די פרשה איז די מצוה פון חלה. ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה (במדבר טו-כ). ווען מען קנעט איין א טייג, דארף מען אראפנעמען דערפון א שטיקל טייג, וואס דאס איז חלה פארן אייבערשטען. דאס איז נישט נאר ביי חלה, נאר יעדע ראשית, האט די תורה געהייסן אז מען דארף עס מקדיש זיין פארן באשעפער. ער קומט ארויס אויף זיין פעלד, און ער זעהט אז עס הייבט אן צו וואקסן נייע פירות, ולקחת מראשית כל פרי האדמה, נעם ביכורים, טראג עס ארויף אין בית המקדש, און געב עס אוועק פארן באשעפער. ווען ער ברענגט אהיים די פירות, ראשית דגנך, דארף מען אראפנעמען תרומה, עס ווערט אנגערופן ראשית. ווען מען מאכט א טייג אין שטוב, נעם אראפ ראשית עריסותיכם, ווייל יעדע התחלה דארף זיין פארן אייבערשטען. אז מען איז מקדים די ערשטע זאך פאר דעם באשעפער, איז דא נאכדעם א ברכה אויף די שיריים וואס עס בלייבט איבער. ביי תרומה איז די הלכה, שיהא שיריה ניכרים (חולין קלו:), מען קען נישט אלעס מאכן תרומה, עס דארף איבערבלייבן שיריים דערפון, עס זאל זיין ניכר אויף די שיריים, אז דאס איז שיריים פון א תרומה וואס מען האט מקדיש געווען פארן אייבערשטען.

**אז** דאס איז ביי א פרי הארץ, ביי פירות פון די ערד, איז דאך ביי פרי הבטן, ווען דער אייבערשטער גיט קינדער, איז אוודאי אז דער ראשית דארף מען מקדים זיין פארן אייבערשטען. דער ראשית הייבט זיך אן ביי די מצוה פון ברית מילה, מען מל'ט א קינד צו אכט טאג, מען ברענגט אים אריין בבריתו של אברהם אבינו. ווען דאס קינד ווערט עלטער, די ערשטערע יארן, א קינד, א בחור ביז מען האט חתונה, איז מען מקדיש פאר תורה. ווייל דער ראשית דארף אייביג זיין פארן אייבערשטען. ער האט אראפגעשטעלט דעם יסוד פארן באשעפער, נאכדעם קען מען ווייטער ממשיך זיין דאס לעבן.

**אין** הייליגע ספרים שטייט (עיין **בתורת משה להחתם סופר** ד"ה בבואכם), א בעטל פון א קינד ווערט אנגערופן אן עריסה, קטן המוטל בעריסה (ברכות מז:), א קינד וואס ליגט אין בעטל. ראשית עריסותיכם, א קינד, תיכף ווען ער איז נאך אינעם בעטל, דארף זיין חלה תרימו, דארף מען אים מפריש זיין חלה פארן אייבערשטען. עס שטייט אין די משנה (אבות ב-ח) אז רבי יוחנן בן זכאי האט געהאט פינף תלמידים, און איינער פון זיי איז געווען רבי יהושע בן חנניא, און ער האט אויסגערעכנט שבחם, וואס עס איז זייער שבח. האט ער געזאגט אויף רבי יהושע בן חנניא, אשרי יולדתו, וואיל איז די מאמע וואס האט אים געבוירן. זאגט דער ברטנורא, עס איז א ירושלמי (יבמות א-ו), אז פון ווען דאס קינד איז געבוירן, האט זי גענומען דאס בעטל פונעם קינד, און אריינגעטראגן אין בית המדרש, אז דאס קינד זאל שטענדיג נאר הערן דברי תורה. רבי יהושע בן חנניא איז געווען פון די תנאים, און ער איז אויך געווען א גרויסער חכם, מען געפונט אין די גמרא

כמה פעמים פון די חכמה פון רבי יהושע בן חנניא. און זיין רבי האט דאס תולה געווען, נישט ווייל ער האט א גוטן קאפ, און נישט ווייל ער האט פלייסיג געלערנט, נאר אשרי יולדתו, ווייל די מאמע האט אים אריינגעברענגט אין בית המדרש, אז זיינע אויערן זאלן הערן דברי תורה.

**אזוי** איז געווען אייביג דער סדר, ווען א מאמע האט איינגעשלעפט א קינד, האט מען געזינגען ווי זיס תורה איז וכדומה [איך וויס נישט צו היינט איז נאך אזוי, אבער על כל פנים אין אמאליגע צייטן פלעגט אזוי צו זיין] איי דאס קינד ווייסט נישט וואס מען רעדט, און דאס קינד ווייסט נישט וואס מען זאגט, אבער עס גייט אריין אין די אויערן דברי תורה. ראשית עריסותיכם, דאס אנהייב פון א קינד, ווען ער איז נאך אינעם בעטל, חלה תרימו תרומה, דארף מען אים שוין מפריש זיין חלה פארן אייבערשטען.

**כמדומה** אז עס שטייט פונעם **גר"א**, אז אין חלה אליין איז דא א רמז אויף דעם. ווען א קינד ווערט געבוירן, ח', מל'ט מען דאס קינד צו אכט טאג. צו דרייסיג טאג איז דא א פדיון הבן, דאס איז די ל'. בן חמש למקרא, מען הייבט אן צו לערנען ביי די פינף יאר, דאס איז דער ה'. ראשית עריסותיכם, ווען א קינד ווערט געבוירן, חל"ה תרימו תרומה, איז מען מפריש קודם חלה. די חי"ת, מען מל'ט דאס קינד צו אכט טאג, נאכדעם די ל' איז דער פדיון הבן, און נאכדעם די ה' ער איז עוסק בתורה.

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט אין **בעלי תוספות** (פ' משפטים) אז מען קען נישט זוכה זיין צו תורה, אן דעם וואס מען איז מקיים קודם מצות ברית מילה. עס איז געווען א מעשה מיט א גר וואס האט זיך מגייר געווען, און דער מלך האט אים געפרעגט, ממילא דו האסט געוואלט לערנען די חכמות פון יודען, פארשטיי איך, אבער פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן? האט ער אים געזאגט, לא עשה כן לכל גוי ומשפטים בל ידעום (תהלים קמז-יט), דער וואס איז נישט גע'מל'ט, דער קען נישט פארשטיין תורה, מצות מילה גיט אריין די השגה אין תורה. לא עשה כן לכל גוי, ומשפטים בל ידעום, זאגט דער מדרש, די תורה הייבט זיך אן מיט א ב', און עס ענדיגט זיך מיט א ל', ומשפטים ב"ל ידעום, מען האט נישט פון דעם אנהייב פונעם חומש ביז סוף פונעם חומש, אן מצות מילה. מגיד דבריו ליעקב, משנימול כיעקב, נאר אז ער איז גע'מל'ט אזוי ווי יעקב. קומט אויס, אז כדי מען זאל זוכה זיין צו בן חמש למקרא, אז מען זאל קענען לערנען ביי די פינף יאר, דארף מען האבן קודם די ח', מען דארף האבן קודם די מילה פונעם אכטן טאג.

**ראשית** עריסותיכם חלה תרימו תרומה, ח' איז דאך מצות מילה, למ"ד דאס איז דאך לימוד התורה, ה' איז בן חמש למקרא. אז מען איז מקיים דעם חי"ת, אז מען ברענגט אריין דאס קינד בבריתו של אברהם אבינו, קען נאכקומען נאכדעם לימוד ה"א, אז ווען ער ווערט אלט פינף יאר, און ער דארף אריינגיין צו תורה, זאל ער קענען משיג זיין די תורה.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן משה אריה, אז ער האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, און עס גייט אי"ה אויך זיין א ל', א פדיון הבן, און דערנאך וועט זיין אי"ה בן חמש למקרא, זיצן און לערנען, און נאך בן חמש למקרא גיין נאך ווייטער, נישט זיך אפשטעלן דארט, נאר קענען ווייטער מגדל זיין דאס קינד לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת און הרחבה. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## ביקור הגה"צ אב"ד סאטמאר ירושלים שליט"א אצל רבינו שליט"א

### לרגל חתונת בתו בשעטומ"צ

יום ה' פרשת שלח תשפ"ג לפ"ק

**רבינו פנה לאחד מהמלווים** (ה"ה הר"ר **ליפא לויפער** הי"ו, בן הרה"ח רבי **שלום לויפער** ז"ל): דער טאטע האט איבערגעלאזט פיינע קינדער. זיי טוען גוטע זאכן, זיי האלטן אן דרכי אבותיהם. - איך האב געהערט אמאל פונעם **מונקאטש'ער רב שליט"א**, אז ער איז אמאל געווען ביים רבי'ן (**הרה"ק מסאטמאר זי"ע**) פסח ביים

סדר, און דער רבי האט זיך געבייזערט אויף עפעס א זאך וואס איז געווען אין שטוב, און אינמיטן האט ער זיך אנגערופן, ביי ר' שלום אין שטוב, וואלט אזא זאך נישט געווען...

**אב"ד סאטמאר י-ם:** איך מאך חתונה א קינד, די קומענדיגע וואך, די ערשטע טאג ראש חודש. עס איז עפעס אזוי אנגענומען בנוגע דעם תענית, אז מען מאכט פריער דעם תענית. איך האב נישט געזעהן קיינער זאל ברענגען, אז חתן כלה זאלן פאסטען פריער.

**רבינו:** אלץ די הלכה פון תענית, איז עס נאר שייך אויף יום החופה. אבער די ענינים פון תענית, דאס קען זיין א אנדערע מאל אויך. - דאס וואס עלטערן פאסטען, דאס האט נישט קיין שייכות צו חתן כלה, איז דאך נאר אז מען פאסט כדי עס זאל זיין א עת רצון פאר די קינדער, איז דאך שייך א עת רצון פאר זיך אליין אויך.

איך האב געהערט פון מיין ברודער דער **סערדאהעלער רב שליט"א**, אז רבי חיים הערש יאקאבאוויטש האט אים געזאגט, איך מיין אויף זיין אייגענע חתונה, אז מען האט קובע געווען די חתונה א טאג נאך א תענית, און מען האט זיך נישט געכאפט אז מען דארף פאסטען א יום תענית, און דעם אנדערן טאג, די טאג פון די חופה, צוויי טאג צו פאסטען איינס נאכן אנדערן. האט ער געפרעגט דעם **בעלזער רב, רבי ישכר דוב**, וואס ער זאל טון. האט ער אים געזאגט, ענדערש פאסטען אין יום החופה, ווי צו פאסטען אין יום התענית.

**אב"ד סאטמאר י-ם:** רבי חיים הערש האט מיר פארציילט, אז ער האט געוואוינט אין קליינווארדיין, און דער **ברית משה** אויפן **סמ"ג** איז אויך פון קליינווארדיין, ער האט געהייסען רבי משה ווייס ז"ל, און דער ברית משה האט געשיקט מיט אים א קוויטל צום בעלזער רב, רבי ישכר דוב. און דער בעלזער רב האט אזוי געשמועסט מיט אים וועגן דעם ברית משה, אז ער האט געוואלט דרוקן דעם ספר אן דעם סמ"ג, און איך האב אים מייעץ געווען, אז אזוי ווי דער סמ"ג איז נישט אזוי בנמצא, זאל ער עס דרוקן מיט דעם. און עס האט זיך פארקויפט אין ווייטע מדינות. נאכדעם האט ער געגומען דאס קוויטל, און ער האט עס געליינט, און ער רופט זיך אן, רבי משה איז שוין א אלטער יוד. עס האט אים גארנישט געפעלט, און ביז צוויי דריי וואכן איז ער נפטר געווארן.

**רבינו:** גדולים צדיקים...

**אב"ד סאטמאר י-ם:** עס וועט מיר זיין א געוואלדיגע חשיבות אז מען וועט קומען צו די חתונה. מען לערנט דאך ארויס ברכת חתנים בעשרה פון בועז, ויקח עשרה אנשים מזקני העיר (רות ד-ב).

**רבינו:** אי"ה, מיטן אייבערשטענס הילף. עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, מען זאל קענען זעהן אסאך יודיש נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און הצלחה אין די עבודת הקודש, מען זאל קענען אויפטון.

**אב"ד סאטמאר י-ם:** אמן. והמברך יתברך מיט סייעתא דשמיא, געזונטערהייט.

**רבינו שליט"א כיבדו בספר שמן ראש (חלק שנים עשר במדבר) שאך יצא לאור, ונפרדו לשלום.**

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת שלח ונשנו בשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת קרח תשפ"ג לפ"ק

**די** פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון די מרגלים. משה רבינו האט זיי געשיקט ויתורו את ארץ כנען אשר אני נותן לבני ישראל, איש אחד איש אחד, למטה אבותיו תשלחו, כל נשיא בהם (במדבר יג-ב). מען זאל שיקן איינעם פון יעדן שבט. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער איש 'אחד', ווען מען זאגט איש, ווייסט מען אויך אז עס איז אחד. אנשים איז א לשון רבים, און איש איז א לשון יחיד. אז מען זאגט איש למטה אבותיו, ווייסט מען אז יעדער שבט האט געשיקט איינעם, כל נשיא בהם.

**מען** רופט אלץ אן די מרגלים, י-ה יושיעך 'מעצת' מרגלים (רש"י במדבר יג-טז), דער אייבערשטער זאל דיר העלפן, דו זאלסט ניצול ווערן פון די עצה פון די

מרגלים. וואס איז די עצה פון די מרגלים? עס איז געווען א דיבור וואס די מרגלים האבן גערעדט. עס איז משמע אז דא איז עפעס געווען דער פראבלעם די עצה פון די מרגלים. נישט וואס די מרגלים האבן געזאגט, נאר די עצה וואס זיי האבן געגעבן.

**ווייל** אזוי איז געווען דער אמת, די מרגלים זענען צוריקגעקומען און זיי האבן געזאגט דעם אמת, אז עס איז א ארץ זבת חלב ודבש, און זיי האבן פארציילט אלע טרוקענע פאקטן וואס איז דא דארט אין ארץ ישראל. אפס כי עז העם היושב בארץ, וגם ילידי הענק ראינו שם (במדבר יג-כח), זיי האבן פארציילט דעם אמת וואס זיי האבן געזעהן, און אויף דעם זענען זיי געשיקט געווארן, דאס איז נישט געווען דער פראבלעם. אבער נאכדעם זענען זיי געקומען מיט זייער עצה, על כן, דער על כן איז געווען דער חסרון. על כן, אז עס קוקט אזוי אויס דער מצב, זעמיר אונז מייעץ אז מען זאל נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל. עס קען נישט זיין נשינו וטפינו יהיו לבז, מען וועט זיך לאזן הרג'נען, נתנה ראש ונשובה מצרימה, לאמיר צוריקגיין. מען קען נישט בלייבן אין מדבר, אבער אין ארץ ישראל קען מען אויך נישט אריינגיין.

**י-ה** יושיעך מעצת מרגלים, פון די עצה וואס די מרגלים האבן געגעבן נאכדעם וואס זיי האבן אראפגעלייגט די פאקטן פון ארץ ישראל. דאס וואס זיי האבן געזאגט, וואלט נאך נישט געווען קיין פראבלעם, אבער נאכדעם ווען מען קומט צוריק און מען גיט יעצט די עצות, די עצות איז געווען נישט אויסגעהאלטן. דער אייבערשטער האט דאך געזאגט איך וועל ענק אריינברענגען אויף ארץ ישראל, און זיי געבן א עצה נישט אריינצוגיין קיין ארץ ישראל.

**עס** איז דא א לאו אין די תורה, ולפני עור לא תתן מכשול (ויקרא יט-יד), פאר א בלינדן זאלסטו נישט געבן קיין מכשול. עברי מיט טייטש וואלט מען געטייטשט, א מענטש איז בלינד, לייג אים נישט אראפ א שטיקל האלץ, ער זאל אומפאלן אויף דעם מכשול. אבער דאס איז נישט דער אמת'דיגער פשט. אונז נוץ מיר על פי רוב ולפני עור לא תתן מכשול, אז מען טאר נישט געבן פאר יענעם א דבר איסור. א נזיר וואס טאר נישט טרינקען קיין ווין, טאר מען אים נישט געבן קיין כוס יין. אבער די עברי מיט טייטש פון ולפני עור לא תתן מכשול איז, אז מען טאר נישט געבן פאר יענעם א עצה שאינה הוגנת. אויב יענער קומט דיך פרעגן אן עצה, טארסטו אים נישט געבן א עצה וואס איז נישט צוגעפאסט פאר אים, נאר מען דארף אים געבן א עצה וואס איז אויסגעהאלטן פאר אים.

**די** תורה דארף נישט פארציילן אז מען זאל נישט געבן קיין עצה שאינה הוגנת, סתם יענעם צו פארדרייען דעם קאפ. יענער קומט דיר בעטן א עצה, און דו וועסט אים זאגן א זאך וואס איז נישט ריכטיג, עס איז פשוט אז מען דארף נישט אזוי טון. די תורה זאגט, אז עס איז דא אמאל וואס א מענטש האט א אייגענע אינטערעסע פאר זיין טובה, און ער גיט אן עצה פאר יענעם, יענער זאל טון א זאך, נישט ווייל עס איז יענעם'ס טובה, נאר פאר אים וועט אזוי גוט אויסקומען. עס איז א עצה הוגנת פאר דיר, דו וועסט האבן ניצן דערפון, אבער עס איז נישט קיין עצה הוגנת פאר יענעם.

**אין** ספרי שטייט א משל, יענער פרעגט, צו ער זאל פארקויפן זיין הויז. און בעסער איז פאר אים באמת נישט צו פארקויפן, אבער איך האב חשק צו קויפן דעם הויז, זאג איך, יא, איך האלט אז דו זאלסט עס פארקויפן, און נאכדעם וועל איך זיין א קאסטומער דערפאר. דאס איז אן עצה שאינה הוגנת. עס איז הוגנת פאר דיר, אבער עס איז נישט קיין עצה הוגנת פאר יענעם.

**א** מענטש האט א געשעפט, און דער חבר מאכט נאך די זעלבע געשעפט, א קאנקארענט פאר אים, - איך גיי נישט יעצט אריין אין די הלכות קאנקארענט, - און ער קומט פרעגן דעם חבר, איך האב אזא און אזא פראבלעם אין די ביזנעס, וואס האב איך צו טון? נו מיר איז יעצט זייער גוט צו ענטפערן פאר יענעם, א זאך וואס איז נישט גוט פאר אים, זאל קראכן זיין ביזנעס, און איך וועל בלייבן אליינס. עס איז א לאו אין די תורה, ולפני עור לא תתן מכשול. ווען יענער איז א עור אין די זאך, ער ווייסט נישט וואס צו טון, און ער פרעגט דיך וואס צו טון, טארסטו אים נישט געבן קיין מכשול, אן עצה וואס איז נישט צוגעפאסט פאר אים. אויב עס איז דיר שווער צו ענטפערן א עצה וואס איז אקעגן דיר, זאג אים, איך קען דיר נישט ענטפערן, דו ביסט נישט מחויב צו ענטפערן פאר יעדן. זאג אים, איך ווייס דיר נישט וואס צו ענטפערן, פרעג א צווייטן. אבער געבן פאר יענעם א עצה וואס איז נישט צוגעפאסט פאר אים, טאר מען נישט.

**איך** געב די משלים דערויף, ווייל יעדער משל פאר זיך איז גוט צו וויסן. א מנהיג וואס מען נעמט אויף פאר אן עדה, אז ער זאל פירן די עדה, וואס עס פעלט אויס פאר די עדה. און עס איז דא זאכן וואס מען פרעגט אים א עצה, מען דארף טון אזוי צו אזוי. פארן ציבור באמת וואלט גוט געווען צו טון איין וועג, אבער פאר אים קומט עס נישט אויס גוט. און ער איז מייעץ, מען זאל טון וואס עס וועט זיין פאר זיין טובה. דאס איז א לאו אין די תורה, ולפני עור לא תתן מכשול. דו קענסט נישט מייעץ זיין יענעם, אויב עס איז נישט הוגנת פאר אים. איי פאר דיר איז עס נישט גוט, דארפסט דיך מתגבר זיין, אפילו דיר איז עס נישט גוט, איך דארף אבער ענטפערן פאר יענעם, וואס פאר יענעם איז גוט.

**משה** רבינו האט געבעטן יפקוד ה' וגו' איש על העדה, אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם וגו', ולא תהיה עדת ה' כצאן אשר אין להם רועה (במדבר כז-טז). און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, קח לך את יהושע בן נון, איש אשר רוח בו. וואס איז טייטש איש אשר רוח בו? משה רבינו האט געזאגט, איך דארף א מנהיג פאר יודען, אבער יעדער מענטש האט דאך אייגענע אינטערעסן. איך וויל האבן אזא מנהיג, וואס וועט נישט קוקן אויף די אייגענע אינטערעסן, ער וועט נאר קוקן וואס עס איז די אינטערעסן פונעם ציבור.

**אמאל** איז דא צאן וואס דארפן א רועה, אבער דער רועה קוקט זיך נישט אים אויף די צאן, ער קוקט אויף זיך. משה רבינו האט געזאגט, איך דארף נישט א מנהיג וואס די צאן זאלן האבן סתם א רועה, ולא תהיה עדת ה' כצאן אשר אין 'להם' רועה, דער רועה דארף זיין להם, פאר זיי. געב מיר נישט אזא מנהיג, וואס זאל זיין א רועה פאר די צאן, אבער ער איז נישט דעם צאן'ס רועה, נאר ער קוקט אויף זיך. האט דער אייבערשטער געזאגט, קח לך את יהושע, יהושע איז א אויסגעהאלטענער מענטש, איש אשר רוח בו, ער האט אין זיך א רוח, אפילו זאכן וואס וועט זיין אקעגן אים, וועט ער נישט אוועקגיין פונעם ריכטיגן פלאץ.

**עס איז דא א קהלה, און עס איז דא א ראש הקהל, און טובי הקהל, און מען זעצט זיך אראפ דן צו זיין אויף א זאך, צו מען זאל טון אזוי צו אזוי. בדרך כלל, הייבט מען אן קודם צו קוקן אויף זיך, וואס וועט זיין מיט מיר. עס איז מיר גוט די זאך וואס מען גייט טון, צו עס איז נישט גוט. איז עס פאר מיין כבוד, איז עס פאר מיין געלט. נישט אויף דעם ביסטו געשטעלט! דו ביסט געשטעלט געווארן צו באדינען דעם קהל! ווען מען בעהט פון דיר א עצה, פרעגט מען דיך נישט וואס איז דיין מיינונג, וואס עס איז גוט פאר דיר. דו ביסט יעצט א פארטרעטער פון א ציבור, מען פרעגט דיך, וואס איז גוט פאר דעם ציבור, אז דער ציבור זאל טון. און טאמער דו ענטפערסט א זאך וואס איז גוט פאר דיר, און עס איז נישט די אינטערעסן פונעם ציבור, איז מען עובר אויף א לאו פון לפני עור לא תתן מכשול. מען קען נישט געבן קיין עצה, נאר א זאך וואס איז לטובה פון די זאך.**

**א** גבאי אין א בית המדרש, ער איז א ממונה פונעם ציבור ער זאל זעהן צו טון וואס עס איז גוט פארן בית המדרש, און עס קומט אויס א זאך וואס איז אים אומבאקוועם צו טון אזוי צו אזוי, און מען פרעגט וואס מען זאל טון, און ער זאגט וואס עס איז באקוועם פאר אים. דאס איז ולפני עור לא תתן מכשול, דו האסט נישט געגעבן קיין עצה הוגנת. מען האט דיך געשטעלט אז דו זאלסט טון אלע זאכן וואס עס פעלט אויס פאר דעם ציבור, און דו האסט נישט געטון וואס עס פעלט אויס פאר דעם ציבור.

**א הנהלה פון א מוסד, און עס איז דא זאכן וואס א מוסד דארף טון אזוי צו אזוי, ווען מען פרעגט די עצה, פרעגט מען נישט וואס פאר דיר איז גוט, וואס פאר דיין קינד וועט זיין גוט, וואס פאר דיין אייניקל וועט זיין גוט, מען פרעגט דיך וואס פאר דעם מוסד איז גוט, און ער דארף ענטפערן וואס.** - איך געב עס נאר פאר משלים, ווי עס איז זייער גרינג נכשל צו ווערן. און ווען מען פרעגט דיך אן עצה, דארף א מענטש זיך אייביג אויסשאלטערן, יעצט בין איך אין יענעם'ס שיך, און ער דארף זיך אריינלייגן וואס איז גוט פאר דעם מענטש, און אזוי דארף ער ענטפערן די עצה.

**דאס** איז געווען דער פראבלעם מיט די מרגלים. די מרגלים זענען אריינגעגאנגען אויף ארץ ישראל, און זיי האבן געזעהן ארץ ישראל, עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ג קנח.), אז זיי האבן געזען אז זיי גייען פארלירן זייער נשיאות ווען זיי גייען אריינקומען אויף ארץ ישראל, זיי וועלן נישט זיין ראוי אז זיי זאלן זיין נשיאים דארט, וועגן דעם האבן זיי געזאגט, אז מען קען נישט אריינגיין אויף ארץ ישראל, כדי מען זאל בלייבן אין חוץ לארץ, און זיי וועלן קענען

ווייטער בלייבן נשיאים. די עצה וואס זיי האבן געגעבן, דאס איז א עצת מרגלים, דאס איז נישט געווען א עצה וואס איז גוט פאר כלל ישראל. זיי האבן געמאסטן זייער עצה, נישט וואס איז גוט פארן כלל ישראל, נאר זיי האבן געקוקט וואס איז גוט פאר זיי. און דאס איז געווען דער חטא, זיי זענען אוועקגעגאנגען פון דעם וועג ווי אזוי מען דארף געבן אן עצה ווען מען פרעגט עפעס. - אויסער דעם וואס די עצה פון די מרגלים איז נישט געווען אויסגעהאלטן. - אדם קרוב אצל עצמו (סנהדרין י.), יעדער מענטש האט זיך זיינע אייגענע אינטערעסן, און ווען מען שיקט אים אין א שליחות, ער זאל עפעס טון, דארף מען קענען זיך ארויסנעמען אינגאנצן, איך בין יעצט איבערגעגעבן נאר פאר דעם שליחות וואס איך דארף צו טון.

**שלח** לך אנשים, ויתורו את ארץ כנען, וואס יעדער זאל זיין, איש אחד למטה אבותיו, ער זאל נישט זיין א צוויי-פנים'דיגער, קוקן אויף זיך, און קוקן וואס עס פעלט אויס דער ציבור, און נאכדעם וועט ער מאכן די חשבונות ווי אזוי פאר אים קוקט אויס גוט. ער זאל זיין איש אחד, ער איז נאר א איינצעלנער מענטש, למטה אבותיו, איך בין יעצט דעזיגנירט צו זיין פאר דעם שבט. קוקן וואס איז גוט פאר זיי, דאס דארף איך צו טון, און אזוי האט ער זיי געשיקט.

**אבער** ווען זיי זענען צוריקגעקומען, וישאהו במוט, זיי האבן צוריקגעברענגט די פירות, בשנים (במדבר יג-כג), עס איז שוין נישט געווען קיין איש אחד, דעמאלטס זענען זיי שוין געווען צוויי. טאקע פון איין זייט איז מען געגאנגען קוקן וואס עס טוט זיך אריינצוגיין אויף ארץ ישראל, אבער זיי האבן געקוקט אויף זיך אויך, און דארט איז געווען דער חטא פון די מרגלים. אז מען בעהט אן עצה, דארף עס זיין א עצה וואס איז הוגנת פאר דעם וואס האט דיך געשיקט, און נישט קוקן אויף זיך אליין.